STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11330

ZUNIKE TEG

Mojshe Salzman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה זאלצמאן

זוניקע טעג

לידער

פארלאג „יידיש בוך“ ווארשע 1954

M. ZALCMAN

SŁONECZNE DNI
(Wiersze)

Redaktor: L. OLICKI
רעדאקטאָר: ל. אָ ל י צ ק י

Okładkę projektował: I. REJZMAN
הילע געצייכנט: י. רייזמאן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 1235. Nakład 5 600 egz. Druk ukończono w styczniu 1954 r.
Ark. druk. 4. Ark. wydawn. 2,85. Papier druk. sat. V kl. 61 x 86 70 g.
Druk. RSW „Prasa", Warszawa, ul. Tarczyńska 8. 4-B-55588

דוניקע טעג

וואַרשע

וואָס מאַסיווער דו שווערסט —
אַלץ שענער דו ווערסט,
אַלץ גרינגער,
אַלץ יונגער
גרינט דיין צוקונפט אויף.

דיינע חורבות פאַרשווונדן
און מיט זיי — מיין צער.

איז וואָס,
אַז דיינע גאַסן זענען נאָך צעגראָבן,
צעאַקערט,
אַז מיין טראָט אויף זיי גיט זיך נאָך אַ וואַקל
ביים אַריבערשפּאַנען
אַ פריש צעגראָבענעם פונדאַמענט?

אַזוי זעט אויס אַ פעלד,
בעתן פרילינגדיקן פאַרזיי —

אַ נייע וועלט,
געוויגט אין די שטאַרקע אָרעמס פון אירע בויער;
געבאָדן אין די בלויע וואַסערן פון נעאָן־ליכט;
געוויקלט אין רושטאָוואַניעס.

דיינע רושטאָוואַניעס,
וואַרשע,
זענען נאָטן
צו סטראָפן
פון אַ נייַ גרויס ליד.

די נייע פֿלאַנצן די ווייסע

אָט איז ער, דער פֿרילינג דער נייער,
ער גרינט שוין אַריין אין מיין בליק;
האָס ווינטל, וואָס קילט — אַ מחיה! —
פֿרישט אָפּ און פֿילט אָן מיך מיט גליק.

אָ, זע, ווי מיין האָפֿענונג וואַקסט איצט
אַרויף צו דער בלויקייט פֿון רוים;
די נייע פֿלאַנצן די ווייסע —
זיי וואַקסן אַריין אין מיין טרוים.

כ׳האָב ליב דיך, כ׳האָב ליב דיך מיין חלום,
אויך שטאַרבן פֿאַר דיר בין איך גרייט;
איך טראָג דיך אין האַרצן פֿאַרבאָרגן,
מיין ליד — איז אַצינד דיין באַשייד.

דער פֿלאַטער פֿון האַרץ — אין דער שורה —
אין שטילקייט בלויז ווערט נאָר דערהערט;
טאָ טראָג השע, אָ, ליד מיינס, דיין בשורה,
אַ שטילע אַרום אויף דער ערד.

נאָר שוועב נישט אַרום אין די הייכן,
און גלאָץ נישט צום הימל פֿאַרבענקט;
די זון — ס׳האָט זי לענין דערגרייכט שוין —
אין יעדן פֿלאַנץ איצט זי ברענט.

אָ, זע, ווי מיין האָפֿענונג וואַקסט איצט
אַרויף צו דער בלויקייט פֿון רוים;
די נייע פֿלאַנצן די ווייסע —
זיי וואַקסן אַריין אין מיין טרוים.

אַ נ ד ע ר ש

אַנדערש זע איך דיך היינט,
וואַרשע,
מיט פולע אויגן וואונדער.

אַמאָל, פלעג איך דיינע גאַסן
דורכלויפן — אַ פרעמדער,
ווי אַ הונט,
וואָס לויפט דורך אַ פרעמד פעלד,

געטריבן פון הונגער, קעלט,
פון בייזע בליקן,
וואָס האָבן געבריט:
„אַ ייד, אַ ייד!" —

היינט פאַרטרייסן רעשטאָווראַציעס
זייערע קעפ
צו די וואָלקנס;
די הייב־מאַשינען
שטרעקן שלום־אָרעמס
צום בלויען רוים, —

וואַקסן די הייזער־בלאָקן,
און איך — מיט זיי.
איך וואַקס, ווער יונגער,
און גרינגער
טראָגן מיך מיינע טריט,
און קיינער טייט נישט אויף מיר
מיטן פינגער:
„אַ ייד, אַ ייד!" — —

* * *

דיינע פאַרקן און סקווערן,
וואַרשע,
זענען, ווי דער הימל מיט שטערן —
מיט קינדער פול.

אין די אָוונטן
פּילן זיך אָן דײַנע סקווערן
און פּלעצער
מיט אַרבעטער, מיט יוגנט.

די העלע שײַן פֿון דײַנע אָוונט־לאָמפּן,
וואָס הענגען,
ווי צײַטיק־שווערע טרויבן,
ווישט אָפּ אַ יעדע פֿאַרבאָרגנקייט פֿון דײַן פּנים,
מאַכט מילדער די דראָענדיקע רייד פֿון דײַנע חורבות,
דעם ווייטיק אין מײַן האַרץ,
און לעשט דעם טרויער אין מײַנע אויגן.

זע איך זי, אַצינד, דײַן יוגנט,
אַ קלאָרע, אָן אָפֿענע,
ווי דער טאָג.
איז מיר יעדערער — אַ ברודער
און די יוגנט — לעבעדיקע לידער.

איז מײַן חלום מער נישט קראַנק
מיט ברויט,
מיט פֿלייש,
און מיט „טעלערל פֿון הימל",
און ס'ברענט נישט דאָס קישן אויף מײַן בעט
מיטן פֿיבער פֿון „אחרית הימים".

דער טעלער אויף מײַן טיש
איז פֿול מיט זעט,
און דעם הימל —
האָבן מיר סײַ ווי
צוגעבויגן צו אונדזערע קעפּ
מיט ווינטעס
און באַוועגלעכע טרעפּ.

גיי איך אַרום אין דײַן וווּנדערלאַנד,
וואַרשע,
און זוך בײַ דײַנע קינדער
די פֿליגל
פֿון פּרצעס „משיחס צײַטן".

אָקטאָבער 1951.

פרילינג אין וואַרשע

אַ וואַרעמע האַנט
האָט מיין שטאָט צעבונדן.
געוויקסן שטעקן די קעפּלעך אַרויס
צום ליכט פון טאָג.

דאָס אייז פון דער ווייסל
איז לאַנג שוין צעגאַנגען
און מיט די בלויע וואַסערן פאַרשוווּמען.

באַלד וועלן דיינע פּאַלאַצן,
וואַרשע,
זיך אַ קער־טאָן מיטן פּנים
צו דער זון
און בלענדן דעם דורכגייער
מיט זייער שיינקייט.

אַפילו די חורבות,
וואָס מוזן נאָך זייערע וווּנדן פאַרשטעלן —
וועלן אויך אויפהערן טרויערן
אַנטקעגן דער זון.

דיינע מויערן,
וואַרשע,
וואַרפן אַראָפּ פון זיך
די ווינטער־בגדים,
ווי רושטאָוואַניעס —
פון פאַרטיקע הייזער.

און זייער שלום־ליד,
וואָס טראָגט זיך
פון קאָנטינענט צו קאָנטינענט,
וועט צוריקקומען
און שטאַרקן זייערע הענט.

אונדזער מאַי

פאַר אונדז
און פאַר די,
וואָס קומען נאָך אונדז —
די פרייד!
די פריי!
דער מאַי!

לאָמיר קנוילן די הענט
אין אַ פויסט —
קעגן די,
וואָס באַדראָען אונדזער רו,
וואָס באַדראָען אונדזער מי,
אונדזער פרייד!
אונדזער פריי!
אונדזער מאַי!

פאַר פרילינג

דאָס פעלד ווערט אַלץ גרעסער און ברייטער
און וואַרט נאָך אַלץ נאַקעט און ליידיק,
די זון זאָל צעברענען איר שייטער
און אויפזינגען מוטיק און פריידיק.

ס'איז בלוי און פאַרוויטלט דער הימל,
אין פאַרבן, אין מילדע זיך צינדט ער.
עס וועקט זיך דער טייך פונעם דרימל
און עפנט צום הימל א פענצטער.

עס שווימען אויף אים נאָך די קריעס,
זיי זוכן אַ וועג צו אַנטרינען.
ביז טאָג וועט פאַרמאַכן די וויעס —
די שוואַלב וועט נאָך נעכטיקן קומען.

דער אָוונט, אַ קילער, נאָך שוידערט,
פאַרציט נאָך מיט אייז זיין געלעגער.
נאָר ס'ווינטל, וואָס פלוידערט און פלוידערט,
איז וואַרעם, ווי ס'בלוט פון אַ יעגער.

דאָס פעלד ווערט אַלץ גרעסער און ברייטער
און וואַרט נאָך אַלץ נאַקעט און ליידיק —
דער טראַקטאָר, וואָס שטייט שוין א גרייטער,
זאָל אויפזינגען מוטיק און פריידיק.

עפן אויף די טיר

עפן אויף די טיר און קום אריין
אין מיין נייער היים.

עס וואַרט דאָ אויף דיר:
אַ קלאַוויר,
מיין וואַרעמע האַנט,
און סטאַלינס פּאָרטרעט אויף דער וואַנט.

הערסט דאָס געזאַנג פון די בויער?
מיין פענצטער האַלט אָפן אַן אויער —
מיין פענצטער איז וואַך פאַר געזאַנג,
און מיט בלומען
דערוואַרט עס דיין קומען.

צו אַ מיידל

איך טרינק האָס ליכט פון דיין אויג.
דיין לייכטער האַנט-דרוק
האָט מיך באַרוישט.
מיין האַרץ
ענטפערט אויף יעדן באַריר דיינעם,
מיט אַ הייסע כוואַליע.

אין די פאַלדן פון דיין קלייד
וויקל איך
די זאָרגן מיינע,
דער שאָרך פון דיין מאַנטל
טרינקט מיך אָן מיט פרייד,
מיט רו —
ווי דער זאַנגען-רויש
אויף פעלדער צייטיקע.

נעכטן האָסטו מיך באַגעגנט,
ווי רחל — יעקבן:
די ברעמען אַראָפּגעלאָזט;
דער בליק פאַרשטאָכן אין אַ שטיין.

נאָר אין מיין האַרץ
האָט סיי־ווי פריידיק אַ בליץ געטאָן —
פון דיין בליק.

מאַי־תּפֿילה

קלאָרער, ליכטיקער מאַי־טאָג!
ווי מיין מאַמעס פּנים —
ערב שבת —
ביסטו מילד און צעשמייכלט.

אויך דו
האָסט אָנגעצונדן ליכט
אינעם צווייט פֿון יונגן ביימל.

דאָס קילע ווינטל דיינס,
פֿלעכט אַ שלייף אַריין
אין ביימלס קעפּל,
ווי די מאַמעס קלאָרע פֿינגער
אין רחעליס צעפּל.

אַזוי ווי די מאַמע
ביים קלאָר־געדעקטן טיש,
מיט חלות, ווײַן און פֿיש,
האָט אָפּגעהאַרט
מיך, דעם טאַטן, די מלאכים —
אַזוי וואַרט איך אויף דיין ליכטיק ליד.

און אַלע די,
וואָס ווילן דיין שיין פֿאַרשטעלן,
און ביי דיין פֿייער
נייע שייטערס צינדן —
מאַך,
זיי זאָלן אין דיין שיין בלינד ווערן,
מיין קלאָג זאָל וואַקסן
אויף זייערע שוועלן
און די הענט זיי בינדן.

העלער, ליכטיקער מאי־טאָג!
ווייש ארויס מיטן דיין ליכט
די קלאָג פון מיין האַרץ.
גלעט אויס מיט דיין מילדקייט
די קנייטשן פון טרויער
אויף מיין פּנים,
אַזוי ווי די מאַמע,
האָט אויסגעווישט מיין טרער
מיט איר קלאָרער שירץ,
מיטן ליכט פון אירע אויגן.

מאַמע

איך בין אַזוי דורשטיק נאָך דיין וואָרט,
וואָס איז געווען קלוג און האָט געטרייסט,
ווי דאָס וואַסער פון קאַלטע ברונעמער
אין אַן אָוונט — חמימהדיק הייס.

דיינע אויגן לייכטן מיר אַצינד,
ווי ווייטע שטערן צוויי —
קלאָר און טיף.

דיין פּנים — ווי אַ שניי-פעלד
פון אַ ווייטן ווינטער-לאַנד,
ווייס און לויטער — — — —
נאָר דיין האַרץ לעבט ווייטער אין מיר —
מילד און הייס,
און דיין בליק לעבט, איז וואַרעם,
ווי די גוטע הימלען דיינע
פון רחמים און פון טרייסט.

מאַמע!
ווי דו פעלסט מיר היינט!
איך האָב נישט מיט וועמען צו טיילן די פרייד:

מיין חלום איז געוואָרן — וואָר,
און אַלע רעטענישן — קלאָר.
ס'איז האַרט מיין שלאָף און פּעסט מיין בעט —
עס ברעכט מיין טיש זיך פון דער זעט.
אָפן איז פאַר מיר דאָס לאַנד,
ווי אָפן ס'איז געווען דיין האַנט,
ווי אָפן ס'איז געווען פאַר מיר
דיין אָרעמע — נאָר ברייטע טיר.

ניטאָ ביי אונדז שוין מער קיין נויט —
פאַרשווונדן איז זי מיטן פיינט.
ס'איז אויך פאַרשווונדן דער פאַרדראָס
פון אייביקן פאַרזאָרג: פאַרוואָס
עסן פרעמדע אויף דיין ברויט,
און פאַר דיר — בלייבט בלויז די נויט?
אויף ערד — ווי גרויס זי זאָל נישט זיין
געפינט זיך נישט פאַר דיר קיין היים?"

דאָס לעבן איז מיט וווּנדער פול,
און פראָסט און איינפאַך איז זיין ציל
אין גאַנג צום אויסגעבענקטן גליק,
און ערלעך, ווי דיין טרייער בליק.

שלום־תפילה פון אַ פּראָסטן מענטש

איך דאַרף גאָרנישט מער:
נאָר אַ לייַוולטן העמד
און אַ זיס שטיקל ברויט
אין שטילע פיר ווענט.

און אַ ביסעלע שייַן,
אַז ליכטיק זאָל זייַן,
און זייַן זאָל אַ פרייד
און די פרייד זאָל זייַן מייַן,
ווי מייַן ס׳איז דאָס העמד.

אַז פרידן זאָל זייַן
ביי אונדז אינעם לאַנד,
און ס׳לאַנד זאָל זייַן מייַן,
ווי מייַן ס׳איז די האַנט.

אַז פאָלק קעגן פאָלק
זאָל נישט הייבן די שווערד,
נישט פאַרכאַפּן זייַן ערד
און נישט זייַן אים קיין שטער.

איך דאַרף גאָרנישט מער:
נאָר אַ פּראָסט־לייַוונט העמד
און אַ זיס שטיקל ברויט,
און זייַן נישט פאַרשעמט.

אָקטאָבער

אַמאָל, ביסטו געווען פאַרוויינט.
דיין הימל
האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף שטאָט און האָרף —
נידעריק, און פאַרטרויערט.

דיינע ביימער
האָבן די קעפּ געבויגן,
און איעדעס בלעטל דיינס,
האָט אומבאהאָלפן געציטערט אין ווינט
און געלאָשן זיין גאָלד —
אין געשוועב פון ציענדיקע פייגל.

און געקומען איז לענין,
און געקומען איז סטאַלין,
און דיך באַנייט:
אַרויפגעצויגן אויפן קרעמל-שטערן
און באַהאָנגען מיטן טרוים פון מיליאָנען.

אָקטאָבער!
אויך מיין חלום האָט דיך דערגרייכט,
און, ווי די ערשטע האָפענונג מיינע,
צו אונדז אין לאַנד געבראַכט.

האָבן גאַסן זיך צערוקט —
דיר אָרט געמאַכט;
די חורבות,
ווי אויף אַכטונג זיך געשטעלט,
און א נײַ ליכט האָט מיין האָפענונג צעהעלט.

שטיי איך אַצינד אין דיין גאָלד
ביז אַריבער די קני,
און די באַפרייטע מי
הוידזשעט אויס מיין פרייד
דורך אַלע סירענעס פון לאַנד.

אַ דאַנק

װי אויף שטילע טריט —
איך שטײַג אַרויף צו דיר,
רויטאַרמייער.

איך װײס
ביסט געקומען פון דער נידער
און אַ בלענד געטאָן:
מיט ברויט,
מיט ליכט,
און מיט לידער.

געװען איז שטורעם,
געװען איז געװיטער,
נאָר דײַן געדיכטיק־באַװאָפנטער אָרעם
האָט זיך געמאַכט דעם גומען פון אָרעמען מענטש:
מיט ברויט און זאַלץ,
און מיט אַלץ,
װאָס געװען איז ביטער,
און געמאָלדן אים:
— ביסט פרײַ!
נעם דיר אָפּ די װעלט.

ברענג איך איצט פאַר דיר:
מײַן ייִדיש ליד,
מײַן לויב־געזאַנג,
װי אַ דאַנק.

פאַראַן אַזאַ מינוט...

פאַראַן אַזאַ מינוט פון פרייד,
וואָס טראָגט אַוועק אין ווייטער ווייט
און פליִצט אַריבער יעדן ברעג.
דו שטיִעלסט זיך פלוצעם אָפּ אין וועג —
עס שימערט אויף אַ נייע גאָס:
דער אַספאַלט — גלאַט, דאָס ליכט שוין בלענדט —
ס'איז נאָס דער טינק נאָך אויף די ווענט.
און נאָך אַ טאָג פון שווערער מי,
עס גיט די פרייד דיך ווי אַ ברי;
און ווו דו הייבסט נאָר אויף דעם בליק —
עס גייט דיר נאָך דאָס גליק.

פאַראַן, פאַראַן אַ וואָרט אַזאַ
וואָס האָט די וואָג פון אַ פּלאַנעט,
נאָר טראָגט דיך גרינג, איז קלוג און הייס
און ברענגט דערלייכטערונג און טרייסט.

פאַראַן, פאַראַן אַזאַ מין פרייד,
זי טראָגט דיך איבער רוים און צייט
און ברענגט דיך צו אַ נייער וועלט,
ווו יעדעס ווינקל פינקלט העל.

דערפילסט זיך פלוצעם פריש און יונג,
דער שווערער עול — ער ווערט דיר גרינג,
און גאָר איינגאַנצן אומגעריכט —
עס גיט אַ פלייץ מיט ליכט!

— — — — — — — — —

פאַראַן, פאַראַן אַזאַ פּלאַנעט,
וואָס שיינט — ווען סטאַלין רעדט!!

סעפּטעמבער, 1952

יעדן טאָג

(צו א בויער)

יעדן טאָג, יעדן וואָכיקן טאָג,
ברענגסטו יום-טוב אריין אין מיין היים,
דו מאַכסט מילדער אין הארץ מיר די קלאָג
און שטילסט איין, און שטילסט איין מיר די פיין.

אינדערפרי, אויף געראַנגל מיט שטיין,
גייסט ארויס מיט דער קעלניע אין האַנט;
און עס ליגן די ציגל זיך איין,
און ס'ווערט העכער און פעסטער די וואנט.

עס אָטעמט מיט ליבשאַפט דיין ברוסט
פאַר דיין שטאָט, פאַר דיין פרידלעכן הויז;
פאַר דעם מינדעסטן זיג דו זיך שלאָגסט,
ס'זאָל דאָס היימלאַנד זיין מעכטיק און גרויס.

ס'זאָל שלום באַוואַכן מיין דאַך
און אלעמענס שטיבער אין לאַנד,
דאָס הארץ זאָל זיין פריילעך און וואך
און די זעט זאָל אריבער דעם ראַנד

יעדן טאָג, יעדן וואָכיקן טאָג,
ברענגסטו יום-טוב אריין אין מיין היים.

די גאַס

די גאַס — איך האָב זיך פײַנט געהאַט אַמאָל,
ווען איר לענג געמאָסטן האָט מײַן הונגער.
איר שפּיץ האָט דעם ווי מיר נישט געלינדערט,
כאָטש געווען איז זי מיט כּל־טוב פֿול.

מײַן לעבן האָב איך דורך אַ נס געוווּנען.
ס׳וואַקסט מײַן שטאָט אויפֿסניי פֿון טאָג צו טאָג,
דאָס ברויט איך וועג שוין מער נישט אויף דער וואָג,
איך האָב די רו צוריק געפֿינען.

איז ווי נישט פֿרייען זיך מיט יעדער שעה,
די פֿרייד פֿון טאָג און נחת אויפֿצוקלײַבן,
און אַ ליד פֿון ליבע אַצינד נישט שרײַבן
דער גאַס, וואָס האָט אַמאָל געטריבן מײַן רו?

עס זויגט דער דעמער אויס דאָס ליכט פֿון טאָג,
עס זויגט מײַן פֿען די שוואַרצע טינט פֿון טינטער,
נאָר מײַן ליד איז ליכטיק איצט און מונטער,
כאָטש דעצעמבער אויף די דעכער קלאָגט.

פֿון יענער צייט...

פֿון יענער צייט אַריבער איז פֿיל יאָרן,
ווען ס׳האָט איר פֿלאַם מיין ערשטן טרוים געצונדן,
די רויטע פֿאָן איז רויטער נאָך געוואָרן
און מיך נאָך פֿעסטער צו זיך צוגעבונדן.

פֿון דעמלט אָן איז בלוט א סך געפֿלאָסן,
כ׳האָב אין דעם בלוט מיין אייגענעם צושטייער,
נאָר ס׳האָט איר פֿלאַם זיך קיינמאָל נישט פֿאַרלאָשן
און זיגרייך מיך ארויסגעפֿירט פֿון פֿייער.

אין אירע זיגן האָב איך אויך אַ חלק —
די נייע היים, וואָס ליכטיק איז און אָפֿן,
איר יום־טוב איז דערפֿאַר מיר טאָפּלט הייליק —
דער יום־טוב פֿון דער פֿאָן און איר נצחון.

דער זומער איז אַוועק

ווי שטענדיק נאָגט אַ בענקשאַפט אין מיין האַרץ —
ווען דער זומער גייט אַוועק.

עס הענגט נאָך ווי אַ בלאַט —
פאַרציטערט פון עלנט און פון שרעק.

אַ צווייג, אַן אָפּגעדאַרטע צווייג,
וואָס איז נאָך נעכטן פול געווען, ווי אַ זאַנג —
הענגט פאַרשטאַרט און טרוקן,
זי פאַרגליווערט אין איר גאַנג.

נאָר אין מיין היימלאַנד איז אַנדערש:

פון פעלדער טרייבט דעם אומעט אָפּ —
דער הוושענדיקער טראַקטאָר;

פול מיט קוילן און מיט קאָרן
רעווען שיפן אין די פּאָרטן
שווימען אָפּ צו ווייטע ברעגן.

ס'איז וואַרעם אין די הוטעס פון הייסן שטאָל.

אין די שטעט שטייגט דאָס געזאַנג:
פונעם בויער מיט קעלניע אין האַנט;
פון גאַסן—איבערפולטע ביזן ראַנד;
פון פענצטער, אָפענע,
וואָס גריסן פריילינגדיק מיט בלומען,
און פון יונגע שילער,
וואָס זענען שוין צוריק געקומען...

צום אָקטאָבער

גלייכסט אויס ביי די פּעלקער דעם רוקן,
טאָג־טעגלעך באַגייסטו דעם מענטש;
באַגעגנט כ׳האָב נעכטן אַ זקן,
אויך ער האָט געטריי דיך געבענטשט.

זיין הויז איז געשטאַנען — אַ שאָטן,
אַ חורבה — אין חורבות פאַרקלעמט —
האָסטו עס באַלעבט מיט דיין אָטעם,
דעם אלטן האָסט אויך נישט פאַרשעמט.

כ׳האָב אים אַ פאַרגאַפטן געטראָפן,
ער שטייט מיט פאַרריסענעם בליק:
די ווינדעס זיי זענען געלאָפן —
אַרויף און אַראָפּ און צוריק.

אָ, זעט, ווי עס לויפן די ווינדעס
איך זאָג אייך, אָ, ייִדעניו, זעט —
אַ־יעדע באַוועגונג באַזונדער,
קערט אום פון דאָס ניי אונדז די פרייד.

נאָר ס׳הערט מיך דער אַלטער אומגערן,
כאַטש ד׳אויגן זיי פייכטן פון פרייד.
און אָנשטאָט מיך ווייטער צו הערן,
ער פאַלט מיר אריין אין די רייד.

— איך ווייס — ברומט ער שטיל מיט תרעומות —
איך ווייס ווער ס׳ברענגט גליק פאַרן לאַנד. —
זיין וואָרט — אַזוי פראָסט און מיט תמימות —
איז קנאַפּיק און שווער ווי זיין האַנט.

— דער עיקר — זאָגט ער אָן געבייזער —
באַדאַרף מען די סיבה הערזען,
דעם מקור פון אונדזער דערלייזונג —
מיט האַרץ און מיט שׂכל פאַרשטיין.

פאַרשטיין ווער דאָס אַלץ האָט געענדערט,
דעם אביון געזעצט אויבנאָן —
זיין בליק, וואָס צו ווייטן געווענדט איז,
ווייזט שטאָלץ אויף דער פאָן דיינער אָן.

באַגעגנט כ'האָב נעכטן אַ זקן,
אויך ער האָט געטריי דיך געבענטשט.
אָקטאָבער! די וועלט ביסטו מתקן,
טאָג-טעגלעך באַנייסטו דעם מענטש!

צו י. ל. פּרץ

וויפל מאָל דו ווייזט זיך מיר אין חלום —
שטרעק איך דיר אנטקעגן מיינע הענט!
כ׳היפּער איבער גאַנצע בערג מיט חורבות,
פאַר דיין גרויסקייט בלייב איך שטיין דערשטוינט.

גערן כ׳וואָלט די פרייד מיט דיר איצט טיילן, —
אירע קערנער האָסט אין אונדז פארזייט.
שווער איז אָבער אַלצדינג צו דערציילן,
ווייל אַוועק מיר זענען שוין גאָר ווייט.

ס׳איז די נויט אויף שטענדיק שוין פארשוואונדן,
אונדזער ברויט? — ווי זיס איז אונדזער ברויט!
און אין קאַמף — מיר היילן אויך די וואונדן,
און אין קאַמף — עס שרעקט אונדז נישט דער טויט.

לאַנג ארומגעבלאָנקעט האָט דיין ניגון,
ווי אַן אָנזאָג פון א גרויסער צייט;
ערשט די לעצטע שטורעמדיקע זיגן —
האָבן פונעם קלעם אויך אים באַפרייט.

קלינגט ער איצטער ביי אונדז פריי און מונטער,
יעדער זינגט אים ווי אַן אייגן ליד.
מיטן פלאַם פון ליבשאַפט דיינער צינדט ער
פריידיק אָן דאָס הארץ פון יעדן ייד.

וויפל מאָל איך זע דיך אין מיין חלום, —
טיפער כ׳נייג מיין קאָפּ צו דיינע טריט;
און אין קאמף פאר פעסטיקן דעם שלום,
ווי א פאָן — איך טראָג דיין אָנדענק מיט.

אַ פּאַלאַץ אין מיין שטאָט

דער פּאַלאַץ, וואָס בויט זיך אַצינד אין מיין שטאָט,
אָ, זע, וויפל ליכטער שוין איצט אין אים ברענט!
ער האלט מיך אין קרייז פון זיין ליכטיקער ראָד —
די גערן געקושט כ'וואָלט דעם בויער די הענט!

דעם בויער מיט טויזנטער ברכות איך בענטש,
איך גיב אים מיין הארץ אָפּ מיט טרייקייט און דאנק;
זאָל פליִצן זיין ליכט פאַרן פּשוטן מענטש —
די טרייקייט, די ליבע פון סטאַלינס געשאנק.

די טויבן, וואָס קרייזן ארום אין זיין ליכט,
זיי הייבן זיך אויף צו דעם טורעם פון גליק
און שעפּן זיך אָן פון זיין בלענדיק געזיכט
מיט בשורות פון פרידן — און קומען צוריק.

עס שמייכלען די ליכטער אריין אין מיין טרוים,
און ס'בלענדט שוין די צוקונפט פון מאָרגנע ווענט;
אָ, זע, ווי ער הייבט זיך ארויף צו דעם רוים,
ווי אויסשטרעקן וואָלט ער א שטאָלענע האַנט...

דער פּאלאַץ, וואָס טורעמט זיך איבער מיין שטאָט,
עס הייבן ארויף אים די אייגענע הענט,
וואָס האָבן באפרייט אונדז פון טויט, ווען געדראָט
ס'האָט מענטשן און פעלקער צו ווערן פארלענדט.

אויף די חורבות פון געטא

ס'וועט די נאַכט...

ס'וועט די נאַכט -
אַ געשוואָליענע פון רויב —
זיך נאָך וואַרגן
אינעם בלאָען ליכט פון באַגין
און אָפּשטאַרבן,
אויף דער שוועל פון צעהעלטן טאָג.

און די בייזע געשפּענסטער,
וואָס יאָגן זיך איינער דעם צווייטן אַריבער,
וועלן זיך אויך אַמאָל אָפּשטעלן —
דערשראָקן אין זייער ביטער געיעג —
און איינער דעם צווייטן פאַרשטעלן דעם וועג,
און איינער דעם צווייטן —
אויף דער תליה פון אייגענעם נאַקן —
וועט הענגען ווי אויף אַ האָקן.

ערב מלחמה 1939

די לבנה...

די לבנה קלעטערט אריבער רואינעס,
זי זוכט:
שלמהן דעם גלעזער,
ער איז געווען דאָ און הויך —
די נויט האָט אראָפּגעווייגט פון זיינע הענט; —

מיין פעטער נח
מיטן געבויגענעם רוקן,
ער האָט זינגען נישט געקענט,
האָט ער אויסגעוויינט:
„על תירא עבדי יעקב,
על תירא"...

ס'איז הושענא־רבה ביינאַכט.
דער ליידיקער פּלאַץ פון נייעם בית־מדרש
איז פאַרוואַקסן מיט ווילד־גראָז,
קאַלט און שטיל איז דאָרט.

די רעשטלעך מצבות פון נאָענטן בית־עלמין
בערגלען זיך דערשראָקן,
ווי שאָף פאַר א שטורעם.

נאָר די לבנה ווייסט,
זי וועט דאָרט קיינעם מער נישט טרעפן:
נישט קיין מנין צו תיקון;
נישט דעם פעטער נח
מיטן געבויגענעם רוקן;
נישט די מאַמע וועט קומען רייסן קברים;
ס'וועט אויך נישט זיין קיין שטורעם.

— — — — — — — — —

די לבנה היפּערט אריבער
דעם ליידיקן פּלאַץ פון בית־מדרש...

פאַרגיב

אויב דו צאַנקסט ערגעץ ווייט אין גענהיים,
ווי א שטערן פאַרבלייכט אינדערפרי —
מיט מיין טרויער כ'וועל קומען צו גיין
און זיך שטעלן פאַר דיר אויף די קני.

און פאַרציען די פאַרהאַנג פון זייד,
וואָס האָט דעמלט באַשיינט אונדזער שטוב,
און כ'וועל קושן די זוים פון דיין קלייד
און שטאַמלען און שטאַמלען: „פאַרגיב".

מיט הכנעה כ'וועל שטרעקן די הענט,
פול מיט פאַרוואָרף וועט ווערן דיין בליק:
— ביסט אַוועק, ביסט אַוועק אינדערפרעמד,
ווען פאַר שרעק האָט די ערד זיך געוויגט.

ווי דאָס הויז האָט די שנאה געברענט —
ווען דו האָסט מיך געלאָזט אָן א היים.
מיט דעם פיצעלע קינד אויף די הענט
כ'האָב פאַרשטעקט זיך אין שפּאַלט פון א שטיין. —

וועט פאַרפרירן די טרער אין מיין בליק,
און פאַרטרוקנט וועט ווערן דאָס וואָרט.
איך וועל אויפהערן שטאַמלען „פאַרגיב!",
און קיין ריר זיך נישט געבן פון אָרט.

איך וועל טיפער פאַרנייגן דעם קאָפּ
פאַר דיר, פאַרן אָנדענק פון קינד, — — —
נאָר ווי עמעץ פאַרדרייט וואָלט א קנאָפּ,
ווערט דער חלום פאַרלאָשן געשווינד.

איך ווייס

איך ווייס, איך וועל א לעבן לאנג שוין וויינען
אויף דעם, וואס מיר איז נישט געווען באשערט
צו זיין אין אומגליקס-טעג מיט דיר איינייגעם
אויף ברענענדיקער ערד.

איך וואלט געוועו די שטים פון הארצן הערן,
צו בלייבן דא מיט דיר אין גרעסטער נויט,
אז אויך אין אומגליק זאל איך דיר געהערן
אויף דער שוועל פון טויט.

נאר — כ׳ווייס נישט וואס מיט מיר געשען איז —
רויטע שרפה-שיין האט אלץ און אלעמען צעשיידט.
אויך מיך פארטראגן האט דער וואגל-שטראם,
דיין נאמען בלויז האט מיך באגלייט.

דער וועג געוועזן פול איז מיט סכנה,
דער טויט געפלאנטערט האט פון יונג און אלט די טריט,
אין בלייכער שיין פון שפעטיקער לבנה
פארוואקסן איז דער וועג מיט גרויל אויף יעדן שריט.

נאר רוסלאנד, אירע ווייטע, ברייטע שטחים,
געווארעמט האבן האפנונג אין מיין ברוסט,
אז איך וועל ווידער שפירן נאך דיין אטעם,
ווען ס׳וועט דער וואנדער-שטויב אראפ פון מיינע פיס.

אצינד בין איך צוריק אהער געקומען,
און איך דערקען נישט מער דעם וועג צו אונדזער הויז.
די שרפה האט דא אפגעמעקט דיין נאמען —
בלויז די בענקשאפט אין מיין בליק געליט און גליט נישט אויס.

טרויערט זי אצינד די הארבסטיק פייכטע ערד,
וווּ מ יי ן פרילינג האט אין שרפה-אש פארבליט,
און פייגל, וואס זוכן די נעסטן צעשטערטע —
זינגען אין די סטראפן פון מיין ליד.

אויף די חורבות פון געטאָ

די הימלען — צעבראָכענע ביים אַנקום פון אָונט.
ס'האָט טליִעט מיין טרויער אין זייער געוועב;
דער שאָטן, וואָס דראַפּעט זיך איצט ווי א גנב,
פילט אָן מיט אן אימה אַ יעטוועדן שטעג.

ער גייט איר אנטקעגן, דער נאַכט דער געהיימער,
ווי איינער וואָס האָט אַ פאַרברעכן פאַרטראַכט,
מיט שיכורע טריט אויף שפּיציקע שטיינער,
אין טונקעלער שעה פון נישט־טאָג און נישט־נאַכט.

נאָר נאַכט, ווי א מאַמע א גוטע, אין סאַמעט
הילט איין מיט רחמנות די חרובע וועלט;
דעם צאָרן פון טאָג פאַרהענגט זי מיט אומעט
פון טונקעלער פאָרהאַנג, פאַרשפּרייט ווי אַ געצעלט.

אין דער האַזיקער נאַכט איך וואָגל אום איינער,
מיין שאָטן באַגלייט מיך געטריי ווי א הונט —
פון חורבה צו חורבה אויף אש און אויף ביינער —
איך זוך אלץ און זוך דאָס געביין פון מיין קינד.

.1946

מיין קינד

מיין קינד כ'האָב דאָ איבערגעלאָזט
אינגאַנצן, אינגאַנצן אליין.
אינדרויסן געברענט האָט אַ פראָסט,
און שטורעם האָט געיאָמערט געוויין.

מיין קינד כ'האָב דאָ איבערגעלאָזט —
ווו איז עס, ווו איז עס אַצינד?
האָט עס פאַרפרוירן דער פראָסט?
האָט עס פאַרטראָגן דער ווינט? — — —

אפשר, אוי, אפשר ביים שכן
אַ פרעג טאָן: וואָס האָט זיך פאַרלאָפן?
ווו איז דאָס קינד פון דעם וויגל,
וואָס שטייט איצטער לער און צעבראָכן?

דאָס קינד, כ'האָב דאָ איבערגעלאָזט
אינגאַנצן, אינגאַנצן אליין.
אינדרויסן געברענט האָט אַ פראָסט,
און שטורעם האָט געיאָמערט געוויין.

מערץ 1946.

פּאַראַן מינוטן:

פּאַראַן מינוטן:

דו בלייבסט אַ ווילע שטיין און שווייגסט —
עס שפּאַרט אין ברוסט, דער קאָפּ ווערט הייס,
און ענגער ווערט אויף דיר דאָס העמד,
די שיינע וועלט — ווערט מיאוס און פרעמד,
און אײדער רעדסט אַ וואָרט נאָך אויס —
עס שטאַרבט דאָס וואָרט — און אויס.

אַזוי געשעט עס שטענדיק, ווען
מיט חורבות און מיט הוילע ווענט
עס לויפט אַקעגן דיר א שטאָט —
איעדע חורבה שרייט און דראָט,
ווי זי וואָלט נאָך געברענט.

פּאַראַן מינוטן:

און ווידער בלייבסטו שטיין פאַרקלעמט,
דאָס פּנים פלאַמט דיר אויף פאַרשעמט.
דו פרעגסט אליין זיך שטילערהייט:
ווי קאָנסטו אָטעמען די פריי,
געניסן פון דער גרויסער פרייד
און פון דער שיינער נייער היים;
ווי בריט דיך נישט איעדער שטיין,
איעדעס אויפגעבויטע הויז,
וואָס שיינט דאָ רחבותדיק און גרויס,
אַז פון דיין אייגן קינדס געביין —
דו האָסט צומאָל קיין בערגל ליים?

שורות צו אַ ביאָגראַפיע

אַן אָרעמע שטוב

דלת על דלת, אַ נאַסע שטוב,
פינצטער, ווי אַ גרוב,
קיין ברויט נישט צו דער זעט,
פון אַלטקייט קרעכצט דאָס בעט;
אויך די יחוסדיקע שאַנק
קלאָגט זיך — זי איז קראַנק.

די קיך שטומט,
און דאָס פּעקל רינט און רינט.
דער טיש — ער לאָמט שוין לאַנג
און וויגט זיך טרויעריק באַנג,
ווי דער אומרו אויף דער וואַנט.

ס׳קלאָגט דער מאָך אויף די ווענט
און די אייביק פייכטע טיר.
ס׳קלאָגן דער מאַמעס הענט
און איך — מיט איר.

בלויז דער זייגער רעדט און רעדט
און פינטקלעך ציילט די טעג,
און טרייסט מיך אין מיין צער,
אַז אַלץ גייט פאַרביי...

א ווייסער שניי...

א ווייסער שניי האָט צוגעדעקט די ערד
סודותדיק און שטיל.
דער ווייסער שניי
פאַרשיט האָט אַלע דעכער,
דעם קרומען שטיין פון מיין שוועל.
דער ווייסער שניי וואָרעם איז און העל.

ס'איז יאַנואַר, מיטאָגצייט.

נעפּלדיק און טונקל איז אין שטוב.
דער מאַמעס בליק, ווי איר האַרץ, איז טריב.
עס ווייגט די נויט אַראָפּ פון אירע הענט —
מיט דער מאַמען ווייגען מיט די ווענט.
זי האָט היינט שוין נישט פאַרקערט דעם דיל,
א פרעמדע שטייט די קיך — טויט און שטיל.

אין שטוב איז קאַלט,
נאָר אין מיין ווינקל —
דער חלום פון א נייער וועלט,
ווי דער שניי — העלט.

די מאַמע הייבט די אַפּלען אויף
און פרעגט: „משה?...”
און איך ווי אַן ענטפער —
קוק אויף מיינע גרויסע הענט
און לאָז אַראָפּ דעם בליק פאַרשעמט.

* * *

עס שטייט מיין הויז — אלט און געבויגן,
מיטן קאָפּ אראָפּ,
ווי מיט אַ ווונד אין בויך.

אויפן קרומען שטיין פון מיין שוועל
באַקן קינדער זאַמד־פּלעצלעך
אויף דער זון.

ס׳איז פרייטיק. יולי־צייט.

גאַווהדיק פאַררייסט דעם קאָפּ
דעם גביר רב שאַמאַלעס הויז;
זיין געצינקטער דאַך
גלאַנצט פּליכיק אַנטקעגן־דער זון.

די זון גליט
שווער באַוועגן זיך די שטאָרן
אין גבירס אָפענע פענצטער.
עס טראָגט זיך אין געסל דער ריח:
פון זיס־געפעפערטע פיש,
פון קאַטשקע געקנאָבלטער פריש.

און איך —
אַ יונג שוין א דערוואַקסענער —
טרינק צו יעדן מאָלצייט:
דאָס גליק פון קומענדיקע טעג,
די פרייד
פון דניעפּראָסטראָי,
פון מאַגניטאָגאָרסק
און דעם חלום פון א נייער וועלט,
וואָס שוועבט אין מיין ווינקל.

מיינע טעג

איינער און איינער גייען זיי אפּ —
מיינע טעג
און פאַלן אַראָפּ
אין קויש פון דער נאַכט.

דער סאַמעט פון דער נאַכט
מאַכט ווייכער זייערע טריט,
פאַרשלינגט זייערע קרעכצן
און הילט זיי איין
אין טוך פון איר שטילקייט,
ווי אַ מאַמע — איר קינד.

די נאַכט איז שטיל, נאָך שטילער,
און איר ווייכקייט
וויקלט זיך, ווי באַנדאַזשן,
אַרום די אָפענע ווונדן פונעם טאָג
און מאַכט מילדער זיין ווייטיק.

אונט־פיזאוש

איך הענג אויף אויף מיין טיר
דאָס שלאָס פון פּארנאַכטיקן שווייגן
און גיי אַרויס צו איר.

מיר גייען זאַלבע־פערט:
איך און זי,
און אונדזערע ביידנס שאָטנס.

באַרג־אַרויף פונעם טייכל —
אונטער אַ קילן בוים —
מיר וועבן אונדזער טרוים.

שטאַר הענגען צווייגן
אין פּאַרנאַכטיקער שעה.
פלאַנצן בייגן די קעפּלעך אראָפּ.
די שיטערע אַלטע וואַקסט אויס אין אַ וואַלד.

כ׳פּאַרמאַך דעם אָפענעם לידער־באַנד,
כ׳דערלאַנג איר מיין האַנט,
און מיר שטייען אויף.

די שיינקייט פונעם טאָג
פלאַמט אויס אין מיין פענצטער.
עס ברענען די ווענט פון מיין שטיבל,
די בלומען אינעם גבירס שויבן
און — דער האָריזאָנט.

* * *

כ׳געדענק: ס׳האט די זון זיך צעהעלט,
אַרום אויף איר אייביקן גאַנג;
און אַלץ אויף דער וועלט האָט געקוועלט —
אַקעגן געגאַן מיט געזאַנג.

די זון, אויפן קאָפּ פון דער וועלט,
זי בלענדט, ווי אַ גאָלדענע קרוין.
נאָר דאָרט, אינעם קוסט אויפן פעלד,
פאַרשטעלט האָסט די זון מיט דיין קרויז.

דער זילבערנער פליעסק פונעם טייך,
ער שווענקט פונעם שטויב מיינע פיס.
און דו — ווי פאַרשווענדעריש רייך —
צעשענקט האָסט דיין שמייכל אומזיסט.

ווי ס׳פעלד געווען גרין איז דיין קלייד —
מיט בלומעלעך אַלערליי;
און דו האָסט געלאַכט, און פאַרשייט
צעגראָבן דעם סטויג מיטן היי.

דעם גרעזל, אין שטענדיקן פלויש,
איז שווער אינעם אָנגריף פון ווינט.
נאָר דו — אַ בערעזקע צערוישט —
געווען ביסטו פלינק, ווי אַ קינד.

מאָטיוון פון האַרבסט

האַרבסט־ליד

געשטאָרבן דער זומער אין פיבער פון פאַרבן,
די ביימער אין טרויער צעשיטן דאָס גאָלד.
דאָס פעלד — נאַקעט, צעאַקערט אין קאַרבן,
מיט האַרבסטיקן אומעט דאָס פּנים פאַרשטעלט.

אויף דעכער איז גרייט שוין דאָס פּרעסטל, דאָס ווייסע,
פלינק און פאַרטאַייעט צו געבן אַ שפּרונג. —
אפשר פאַרהילן דעם גוסס אין ווייסן
און שפּעטער — פאַרקאָווען אין פראָסטיקן רינג.

נאָר ליב האָט דאָס פּרעסטל צו בריען, צו בייסן,
די פייגל דאָס ווייסן, אַנטלויפן געשווינד.
ס׳וועט באַלד פונעם זומער פאַרבלייבן אַ מעשה,
אַ חלום, אַ גרינער, וואָס קומט און פאַרשווינדט.

דער הימל

דער הימל,
טריב און פֿאַרטרערט,
נעמט אַרום די ערד.

דער ווינט האָט זיך אָפּגעשטעלט —
דער בוים שוין פֿאַרצערט.

עס פֿאַלט אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט,
ווי אין חלום פֿאַרהערט.

גרויער ווערט דער טאָג,
שטיל און פֿאַרקלערט.

נידערט דער הימל
טרעפּל נאָך טרעפּל;

אינעם סאָד
פֿאַלט אַ לעצטער עפּל;
אַ נעפּל גייט אויף פֿון דער ערד.

מיין היימלאַנד!
האָסט מיט דער לענין-שווערד,
ווי וואַסער פֿונעם שטיין,
אויסגעשלאָגן ליכט פֿון שטאָט און דאָרף.

מיין האַרץ
קוועלט איצט אָן מיט פֿרייד,
ווי דיין ערד.

מילך-לאָמפּן צעטרייבן די שאָטנס
אַרום דיינע רושטאָוואַניעס,
און דעם נעפּל,
וואָס גייט אויף פֿון דער ערד.

מאַטיוון פֿון האַרבסט

שיין איז דער האַרבסט,
גרויזאַם שיין.
פֿאַסמעכער צעלייגן פֿייערן אויף די פֿעלדער;
מיט שׂרפֿה שמעקט די ערד,
און אַ רויך גייט אויף —
טראָגט אַרויף אַן אומעט צו די הימלען.

אַ גרויס שטויננונג שטוינען די ביימער,
מיט פֿאַרבראָכענע צווייגן שטייען זיי און שווייגן.
די בלעטער וויאַנען,
נאָר דער ווינט, דער יעגער,
מאַכט זיי רעדן רייד פֿון טרויער,
און דער הימל דער גרויער
וויינט און וויינט

גרויס איז דיין טויט
האַרבסט,
ווען ס׳קומט דיין לעצטע שעה,
ווערן אפֿילו די אָדערן פֿון דער ערד —
אַלע טייכן — פֿאַרשטייפֿט.
און דער ווינט,
וואָס האָט אויף ווייטע וועגן זיך געשלייפֿט,
ווערט שניידנדיק און שאַרף.
ווערן פֿרויען צניעותדיק,
דעקן זיך די אַקסל צו.
די וועלט ווערט ווייס און דערשראָקן.

נאַר דער שניי וועבט זילבערנע טרוימען
אַרום דיר,
דעקט דיך איין אין שנייענעם געוואַנט,
און דו, האָרכסט,
חלומסט אַ גאָלדענעם חלום,
חלומסט און... שטאַרבסט.

אַ בוים אין נאָוועמבער

נאָוועמבער.
בלעטער פאַלן צו די פיס —
געל און פאַרדאַרט.

דער וואַלד האַלט דעם אָטעם איין,
איינגעהאָרכט אין זיך —
טרוקנט ער איין,
ווערט קלענער און קלענער.

אויף דיינע וועגן,
נאָוועמבער,
גייט אום דער טרויער,
א נראה ואיינו רואה —
בלינד,
ווי מיט א שטעקן אין האַנט,
טאַפּט ער אויס דעם וועג צום מענטש —
ווערט דער מענטש ווי דער בוים פאַרקלערט. —

וואָס טראַכט אַ בוים אין נאָוועמבער?

דער ווינט לויפט אַרום פון ראַנד צו ראַנד
און קלאָגט,
דער פויגל אַנטלויפט, פאַרלאָזט דאָס לאַנד
און יאָגט.
נאָר דער בוים אין פעלד שטייט פאַרטראַכט:
אין דער לאַנגער ווינטער־נאַכט —
ווער וועט זיך דערבאַרעמען,
און ווער וועט דערוואַרעמען? —

האַרבסטיקע טעג

טעג —
שווערע און מידע,
קומען שטענדיק מיטן אייגענעם וועג,
ווי אַרמעלייט —
באָרוועס,
מיט טאָרבעס געוויין אַרום די לענדן
און אין צעריסענע בגדים.

טעג —
גרויע און קליינע,
אויף זייער זייגער איז שטענדיק שפּעט,
פאַרנאַכט;
זיי גייען קיינמאָל נישט אויף,
נאָר לאָזן זיך אַראָפּ אויף פלויט און דאַך,
ווי זקנים צום געבעט.

טעג —
ערנסט־שטילע,
ווי איינזאַמע הינט אין די נעכט;
דער ווינט
וואָיעט אוים זייער געוויין
פאַר די בלינדע ווענט פון די הייזער,
און בלויז דער שניי — איז זייער דערלייזער.

שרעק זיך נישט האַרץ מיינס!

שרעק זיך נישט, האַרץ מיינס.
דער אומעט, וואָס דעם האַרבסט באַגלייט,
איז אויך נישט קיין אייביקייט.
אויך ער פאַרשווינדט.

זעסט —
עס גליט דער סעפּטעמבער מיט גאָלד,
מיט בורשטין,
דער בוים האַלט זיך פעסט אין געוויטער;
האַרץ מיינס — טו אויך אַזוי —
ווי דער בוים זיי פעסט און נישט ציטער.

זאָלן דערווייל ברענען די פייערן,
וואָס דער פאַסטעך האָט צעלייגט.
שרעק זיך נישט, האַרץ מיינס,
ס'וועלן נאָך קומען זוניקע טעג
און דעם אומעט פאַרשטעלן דעם וועג.

פאַרנאַכט אין דאָרף

ס'איז נאָס אַרום דעם ברונעם.
אויפן הימל בלייכט שוין אן איינזאַמער שטערן.
דער דעמער נידערט אראָפּ אויפן דאַך, —
און ער איז נאָך אַלץ נישט געקומען.

אַ דערשראָקענע,
מיט נאַקעטע פיס,
מיט אַן עמער אין האַנט
קומט אַרוים יאַנקע.
קוקט זיך אַרום, ציטערט אויף:
„אוי, ער איז נישט געקומען”...

די קו שטעקט ארוים די צונג:
ביטער איז דאָס פאַרוויאַנעטע גראָז אויפן גומען.
מאַט איז דאָס שטרוי פונעם דאַך.
דער פאַרנאַכט
איז טונקל און שווער —
אין יאַנקעס אויגן פינקלט אַ טרער:
„אוי, ער איז נישט געקומען”...

קוקט דאָס פעלד אַרויף צום בוים,
ווי צו אַ תליה.
נאָך אַ מינוט —
און אַלץ ווערט פאַרגאָסן מיטן בלוט פון דער שקיעה.

רויט פאַרגייט די זון

רויט פאַרגייט די זון,
צינדט דעם מערב אָן
און שמירט אים אויס מיט בלוט.

מיט טריט פאַמעלעכע,
ווי אין טרויער־צוג,
גייט איר נאָך דער טאָג.

רויט פאַרגייט די זון,
נידערט אין תהום
און קרייזט אין אים אַרום.

זי קומט אַרויף צוריק,
ווי ס'קומט צוריק צום בוים
די פרילינגס־גרינע קרוין —

אויסגעצוואָגן פריש
אינעם מאָרגנטוי,
מיט אַ בלייך געזיכט,
ווי ס'פנים פון א פרוי
אין שיין פון שבת־ליכט.

* * *

עס טרויערט נישט דאָס פעלד אין האַרבסט
אין היימלאַנד דעם באַנייטן;
עס ציילט נישט אויס דעם אַקער־טראָט
דער פויער אויף די בייטן.

מיט קומענדיקן זאַטן שניט
עס הודזשען די טראַקטאָרן —
ער טראָגט אַקעגן ווייב און קינד
די זעט פון ווייץ און קאָרן.

עס בייגן אים נישט צו דער ערד
די האַרבסטיק־גרויע זאָרגן;
ער ווייסט: דאָס היימלאַנד אים געהערט,
ס'וועט בעסער זיין דער מאָרגן.

זונפארגאנג

דער באגין הייבט מיט האפן זיך אן,
ווי די ווייסע שלום־פאן, —
מיט גלויבן און מיט פרייד.

דער פארנאכט
באגעגנט מיך אלעמאל מיט קהלתדיקע הייד —
קלוג און אומעטיק.

די פארנאכטיקע שאטנס זענען לאנגע —
זיי רוישן לאנג אין מיין געמיט
מיט בענקשאפט און מיט אומעט.

רויט צינדט די זון דעם וואלד.
עס ברענען די בערג אויפן מערב־ראנד.
עס ברענט דער פארנאכט,
נאר קיל זענען זיינע פלאמען,
זיי בריען בלויז די בענקשאפט אין מיין הארץ.

שווער לאזט דער אונט זיך אראפ —
נאך אן אויסגעברענטן טאג —
אויף בארג און טאל.

ער רעדט צו מיר שטילע, פיבערדיקע רייד
פון פארגיין.

נאר דאס פולע אויג פון דער נאכט
נעמט מיט מילדקייט מיך ארום
און דערמאנט מיך
אין דער פרייד פונעם טאג,
אין דעם קומענדיקן נייעם באגין,
און אין דער שיינקייט פון פארנאכט,
וואס איז, ווי יעדע שיינקייט — אייביק.

דו פרעגסט:

צי וועט אויך מיין ליד זיך דערטראָגן
צום מענטש פון א ווייטן יאָרהונדערט;
צי וועלן פארשטיין מיינע סטראָפן —
די זאַטע, די גליקלעכע קינדער?

צי וועט ווער מיין נאָמען דערמאָנען
אין שפּעטערע, גליקלעכע יאָרן;
צי ס'ליד פון דער נויט און פון אומקום —
וועט לאָזן נאָך זיך וועלכע שפּורן?

צי וועט מיך אמאָל ווער געדענקען,
פארהאַלטן זיין בליק אויף די גראַמען,
און אויכעט דעם ליד מיינעם שענקען
א חגע, א רגע דערמאָנונג?

איך ווייס נאָר, אַז גוט איז צו גלויבן:
דאָס וואָרט איז אַ הילף צום נצחון;
אין גליק אין געגאַרטן פון שפּעטער —
וועט עמעץ מיין נאָמען אָנרופן.

איך ווייס נאָר, אַז גוט איז צו האָפן:
— עס וועט אויך מיין ליד זיך דערוואַרטן —
פון הינטערן שטויב פון די ביכער —
זאָל ווער עס דערמאָנען מיט צאַרטקייט.

אינהאַלט :

זייט

זוניקע טעג

חאַרשע 5
די נייע פּאַלאַצן די ווייסע 6
אַנדער־ש 7
פרילינג אין וואַרשע 9
אינדזער מאי 10
פאַר פרילינג 11
עפן אויף די טיר 12
צו א מיידל 13
מאַי־תפילה 14
מאַמע 16
שלום־תפילה פון אַ פּראָסטן מענטש . . 18
אָקטאָבער 19
אַ דאַנק 20
פאַראַן אַזאַ מיגנוט... 21
יעדן טאָג 22
די גאַס 23
פוי יענער צייט... 24
דער זומער איז אַוועק 25
צום אָקטאָבער 26
צו י. ל. פּרץ 28
אַ פּאַלאַץ און מיין שטאָט 29

אויף די חורבות פון געטאָ

ס'וועט די נאַכט... 33
די לבנה... 34
פאַרגיב 35
איך ווייס 36

אויף די חורבות פון געטאָ 37
מיין קינד 38
פאַראַן מינוטן... 39

שורות צו אַ ביאָגראַפיע

אַן אָרעמע שטוב 43
אַ ווייסער שניי... 44
* * * 45
מיינע טעג 46
אוונט־פייזאַזש 47
* * * 48

מאָטיוון פון האַרבסט

האַרבסט־ליד 51
דער הימל 52
מאָטיוון פון האַרבסט 53
אַ בוים אין נאָוועמבער 55
האַרבסטיקע טעג 56
שרעק זיך נישט, האַרץ מיינס! 57
פאַרנאַכט אין דאָרף 58
רויט פאַרגייט די זון 59
* * * 60
זונפאַרגאַנג 61
די פרעגסט: 62